# גליון היכל הקודש

ווערכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת משפטים, מברכים חודש אדר-א', כ"ז שבט, שנת תשפ"ב לפ"ק
שנה 11, גליון 22 (537)


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................4:50
מוצאי שב"ק....................6:23

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.................ישעיה ס"ב-ס"ג
בבלי....................מועד קטן י"ז
ירושלמי.............בבא קמא ח'
תוספתא....................מכות א'
רמב"ם......................שגגות י"ג

## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים אֲשֶׁר תָּשִׂים לִפְנֵיהֶם. אִין דִי וָואכְנְדִיגֶע פַּרְשָׁה לֶערְנֶען מִיר אִיבֶּער פִילֶע הֲלָכוֹת פוּן פַּאסִירוּנְגֶען וָואס קֶענֶען זִיךְ מַאכְן צְווִישְׁן אֵיין מֶענְטְשׁ אוּן אַ צְוֵוייטְן, אַלֶע סָארְט אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאכְן וָואס קֶענֶען זִיךְ אָפְּשְׁפִּילְן מִיט אַ מֶענְטְשׁ, וֶוען עֶפֶּעס וֶוערְט גֶעשֶׁעדִיגְט אוֹיף פַארְשִׁידֶענֶע סָארְט אוֹפַנִּים, וָואס אִיז דֶער רָצוֹן ה' צוּ טוּן בַּיי דִי אַלֶע פֶעלֶער. פַארְוָואס מַאכְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַזוֹיפִיל סָארְט זַאכְן זָאלְן אַרִיבֶּערְגֵיין אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ אִין זַיין לֶעבְּן? פַארְוָואס דַארְף מֶען הָאבְּן צוּטוּן מִיט אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן אוּן אַזוֹיפִיל זַאכְן?

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קפ"ז) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים ס"ב, י"ג) "וּלְךָ ה' חָסֶד כִּי אַתָּה תְשַׁלֵּם לְאִישׁ כְּמַעֲשֵׂהוּ", עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶער חֶסֶד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר בַּאצָאלְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה, וַוייל אַזוֹי קֶען דֶער מֶענְטְשׁ פַארְשְׁטֵיין אוּן וִויסְן וָואס עֶר דַארְף פַארְרֶעכְטְן, אוּן אוֹיף וָואס עֶר דַארְף תְּשׁוּבָה טוּן.

דֶערְפַאר בְּרֶענְגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ אַלֶע סָארְט מַצָּבִים, עֶר גֵייט דוּרְךְ פַארְשִׁידֶענֶע שְׁוועִרִיקַייטְן אִין לֶעבְּן, אַלֶעס אִיז סְפֶּעצִיעֶל אוֹיסְגֶעשְׁנִיטְן אוּן אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט גֶעוָוארְן פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעט זִיךְ אִין אַ שְׁוֶוערֶע מַצָּב, דַארְף עֶר אַרַיינְטְרַאכְטְן אוּן זֶען פַארְוָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים דָארְט אַרַיינְגֶעשְׁטֶעלְט, עֶס אִיז זִיכֶער מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה אוֹיף עֶפֶּעס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, אוּן אוֹיבּ הָאט דֶער מֶענְטְשׁ שֵׂכֶל, עֶר כַאפְּט זִיךְ בַּאצַייטְנְס אוֹיף וָואס עֶר דַארְף תְּשׁוּבָה טוּן, קֶען עֶר אַלֶעס גְרִינְג פַארְרֶעכְטְן נָאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן אַזוֹי זִיךְ אַיינְשְׁפָּארְן בִּיטֶערֶע אוּן שְׁוֶוערֶע שְׁטְרָאפְן וָואס עֶר קֶען חַס וְשָׁלוֹם לַיידְן אוֹיף יֶעדֶע עֲבֵירָה וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן; אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ פַארְרֶעכְט נִישְׁט זַיינֶע מַעֲשִׂים אוֹיף דִי וֶועלְט, וֶועט עֶר עֶס מוּזְן פַארְרֶעכְטְן שְׁפֶּעטֶער, נָאכְדֶעם וָואס עֶר גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט, אוּן צוּמָאל וֶועט עֶר דַארְפְן מְגֻלְגָּל וֶוערְן אוּן נָאכְאַמָאל אַרָאפְּקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט צוּ פַארְרֶעכְטְן, וָואס דָאס אִיז גָאר אַ שְׁוֶוערֶער עוֹנֶשׁ רַחֲמָנָא לִיצְלָן. דֶערְפַאר אִיז גוּט זִיךְ מִתְבּוֹנֵן צוּ זַיין יֶעדֶעס מָאל מֶען גֵייט דוּרְךְ עֶפֶּעס אַ צָרָה, צוּ זֶען פַארְוָואס דָאס אִיז גֶעקוּמֶען, אוֹיבּ עֶר הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען אִין עֶפֶּעס וָואס אִיז עֶנְלִיךְ צוּ דִי צָרָה, אוּן עֶס פַארְרֶעכְטְן אוּן תְּשׁוּבָה טוּן בַּאצַייטְנְס, אוּן דֶעמָאלְט וֶועט דִי צָרָה אוּן דִי יִסּוּרִים זַיין אַ כַּפָּרָה אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת.

דֶער פָּסוּק זָאגְט אִין דִי וָואכְנְדִיגֶע וְהָאֱלֹקִים אִנָּה לְיָדוֹ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט צוּגֶעפִירְט אַז אֵיינֶער זָאל הַרְגְ'עֶנֶען אַ צְוֵוייטְן בְּשׁוֹגֵג רַחֲמָנָא לִיצְלָן; זָאגְט רַשִׁ"י אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶס נִישְׁט סְתָּם אַזוֹי צוּגֶעפִירְט, עֶס מוּז זַיין אַז בֵּיידֶע מֶענְטְשְׁן הָאבְּן עֶפֶּעס פְרִיעֶר שְׁלֶעכְטְס גֶעטוּן, סַיי דֶער וָואס הָאט גֶע'הַרְגְ'ט אוּן סַיי דֶער וָואס אִיז גֶע'הַרְגְ'ט גֶעוָוארְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט שׁוֹין צוּ אַז עֶס זָאל פַּאסִירְן וָואס עֶס הָאט פַּאסִירְט, וַוייל יֶעדֶע זַאךְ הָאט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן פַארְוָואס עֶס הָאט אַזוֹי גֶעדַארְפְט גֶעשֶׁען.

דֶער בַּעַל הַטּוּרִים זָאגְט אוֹיפְ'ן פָּסוּק וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים, דָאס וָוארְט וְאֵלֶּה אִיז נוֹטְרִיקוֹן וְ'חַיָּב אָ'דָם לַ'חְקוֹר הַ'דִּין, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף גוּט אוֹיסְפָארְשְׁן יֶעדֶע מַעֲשֶׂה, דָאס אִיז נִישְׁט נָאר גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן פַאר דַיָּינִים, נָאר דָאס גֵייט אוֹיךְ אָן בַּיי יֶעדְן פָּשׁוּטְן מֶענְטְשׁ; יֶעדֶע זַאךְ וָואס פַּאסִירְט צוּ אִים, סַיי וָואס עֶר גֵייט דוּרְךְ אִין לֶעבְּן, דַארְף עֶר עֶס גוּט אוֹיסְפָארְשְׁן, מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ פַארְוָואס דָאס אִיז זִיךְ אִים גֶעקוּמֶען, צִי עֶר הָאט עֶפֶּעס גֶעזִינְדִיגְט, סַיי בֵּין אָדָם לַמָּקוֹם אוּן סַיי בֵּין אָדָם לַחֲבֵירוֹ, אוּן אַזוֹי וֶועט עֶר אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן נָאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן צוּרִיק גֶעבְּן זַיין נְשָׁמָה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן רֵיינֶערְהֵייט, נָאךְ לַאנְגֶע גֶעזוּנְטֶע יָארְן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל מִשְׁפָּטִים תשס"ה)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### הֶעכֶער פוּן אַ בְּהֵמָה

מִיט וָואס אִיז אַ מֶענְטְשׁ הֶעכֶער אוּן גְרֶעסֶער פוּן אַ בְּהֵמָה? דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַ מַעְלָה הֶעכֶער וַוייל עֶר אִיז "מְדַבֵּר" - עֶר הָאט דֶעם כֹּחַ הַדִּיבּוּר, עֶר קֶען רֶעדְן. אַ מַתָּנָה מִיט וָואס אַנְדֶערֶע בַּאשֶׁעפֶענִישְׁן זֶענֶען נִישְׁט בַּאשָׁאנְקֶען גֶעוָוארְן. וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן, זָאגְט דֶער פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית ב, ז) "וַיְהִי הָאָדָם לְנֶפֶשׁ חַיָּה" טַייטְשְׁט דֶער תַּרְגּוּם "לְרוּחַ מְמַלְּלָא", עֶס אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן אַ נֵייעֶר סָארְט בַּאשֶׁעפֶענִישׁ וָואס קֶען רֶעדְן.

אוֹיבּ אִיז דִי גַאנְצֶע גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ טַאקֶע דָאס אַז עֶר קֶען רֶעדְן, דַארְף דֶער מֶענְטְשׁ זֶען צוּ נוּצְן דִי טֵייעֶרֶע מַתָּנָה אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן אוֹפָן. צוּ רֶעדְן מִיטְ'ן מוֹיל נָאר גוּטֶע זַאכְן, צוּ נוּצְן דִי מוֹיל צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען אוּן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ נוּצְן דֶעם מוֹיל צוּ רֶעדְן צוּ מֶענְטְשְׁן אוּן זֵיי מְחַזֵּק זַיין אוּן שְׁטַארְקְן אַז זֵיי זָאלְן אוֹיךְ צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט וָואסֶערֶע כּוֹחוֹת עֶר הָאט אִין זַיין מוֹיל, דִי גֶעוַואלְדִיגֶע גְרוֹיסֶע זַאכְן וָואס עֶר קֶען אוֹיפְטוּן דוּרְךְ זַיין רֶעדְן. דֶער מֶענְטְשׁ קֶען צוּקוּמֶען צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן עֶר קֶען אוֹיךְ אַרוֹיסְהֶעלְפְן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן דָאס אַלֶעס בְּלוֹיז מִיט זַיין מוֹיל.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כ"א) אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַ מְנוֹרָה אוֹיף זַיין פָּנִים, יֶעדֶער הָאט זִיבְּן לִיכְט אוֹיף זִיךְ, דָאס זֶענֶען דִי צְוֵויי אוֹיגְן, דִי צְוֵויי אוֹיעֶרְן, דִי צְוֵויי נָאז לֶעכֶער, אוּן דִי מוֹיל. אוּן דֶער אַרְבֶּעט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אִיז צוּ אָנְצִינְדֶען אוּן צוּ הֵיילִיגְן דִי זִיבְּן לִיכְט, אוּן דַאן וֶועט זַיין מֹחַ אוֹיפְשַׁיינֶען אוּן עֶס וֶועט נָאר בְּרֶענֶען אוּן טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁטֶענְדִיג.

מֶען דַארְף הֵיילִיגְן דִי אוֹיגְן צוּ קוּקְן נָאר אוֹיף גוּטֶע הֵיילִיגֶע זַאכְן אוּן נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם אוֹיף זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, מֶען דַארְף הֵיילִיגְן דִי אוֹיעֶרְן צוּ הֶערְן נָאר גוּטֶע עֶרְלִיכֶע זַאכְן, זִיךְ צוּצוּהֶערְן צוּ וָואס דִי צַדִּיקִים לֶערְנֶען אוּנְז, אוּן נִישְׁט צוּ הֶערְן זַאכְן וָואס טוֹיגְן נִישְׁט, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער דַארְף מֶען הֵיילִיגְן דִי נָאז לֶעכֶער, דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף סַבְלָנוּת, אַז מֶען זָאל הָאבְּן "אֲרִיכַת אַפַּיִם" אוּן זִיךְ

<<<<<<

## א גוט ווארט

אַז דוּ וֶוערְסְט צֶעדְרוּקְט פוּן טְרַאכְטְן אַז מֶען דַארְף בֶּעטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ אוּן דָאס מַאכְט אַז דוּ זָאלְסְט בִּכְלַל נִישְׁט בֶּעטְן, זָאלְסְטוּ מַאכְן פוּן דֶעם אַלֵיינְס אַ תְּפִלָּה; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט וֶוערְן צֶעדְרוּקְט, אִיךְ זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין פְרֶעשׁוּר פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת; הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן יִשּׁוּב הַדַּעַת, אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיט דִיר אוּן וִויסְן וִוי אַזוֹי צוּ בֶּעטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ".

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה יִתְרוֹ תשפ"ב)



דער מולד וועט זיין: דינסטאג נאכמיטאג 7 מינוט און 16 חלקים נאך 3 | ראש חודש אדר הראשון יהיה ביום השלישי ולמחרתו ביום הרביעי

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# תּוֹרָה צִיעֶט אַרוֹיס פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, י"ט שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע חֲבֵרִים, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, דִי בְּכָל אֲתַר וַאֲתַר, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ

אִיךְ ווִיל עֶנְק בֶּעטְן אִיר זָאלְט זִיךְ שְׁטַארְקְן פוּנְדָאסְנֵיי מִיט לִימוּד הַתּוֹרָה. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ וֶועג צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, מֶען זָאל זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה - אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט. קוּקְט אַרַיין דִי וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר", אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט גָארְנִישְׁט - זָאל מֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, "וּמִמֵּילָא יָבִין", אוּן בַּיים סוֹף וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין. "וְלֹא יְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ בִּתְחִלַּת לִמּוּדוֹ שֶׁיִּרְצֶה לְהָבִין תֵּכֶף, וּמֵחֲמַת זֶה יִקְשֶׁה לוֹ הַרְבֵּה תֵּכֶף וְלֹא יָבִין כְּלָל. רַק יַכְנִיס מֹחוֹ בְּהַלִּמּוּד וְיֹאמַר כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת וּמִמֵּילָא יָבִין", מֶען זָאל נִישְׁט ווערְן צֶעבְּרָאכְן ווען מֶען זֶעט אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט, וָואס דָאס אַלֵיינְס - אַז מֶען ווִיל גְלַייךְ פַארְשְׁטֵיין - מַאכְט אַז עֶס זָאל זַיין שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען, מֶען זָאל נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער כְּסִדְרָן אוּן מֶען וֶועט שׁוֹין פוּן זִיךְ אַלֵיינְס פַארְשְׁטֵיין, "וְאִם לֹא יָבִין תֵּכֶף, יָבִין אַחַר כָּךְ, וְאִם יִשָּׁאֲרוּ אֵיזֶה דְּבָרִים, שֶׁאַף עַל פִּי כֵן לֹא יוּכַל לַעֲמֹד עַל כַּוָּנָתוֹ - מַה בְּכָךְ?" אוּן אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל, וֶועט מֶען עֶס פַארְשְׁטֵיין בַּיים צְווֵייטְן מָאל; אוּן אוֹיבּ מֶען וֶועט נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דֶעם צְווֵייטְן מָאל - אִיז אוֹיךְ גָארְנִישְׁט, "כִּי מַעֲלַת רִבּוּי הַלִּמּוּד עוֹלָה עַל הַכֹּל, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה: 'לִגְמוֹר, וַהֲדַר לִסְבַּר, וְאַף עַל גַּב דְּלָא יָדַע מַה קָאָמַר' שֶׁנֶּאֱמַר: 'גָּרְסָה נַפְשִׁי לְתַאֲבָה'", וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל קוֹדֶם אַסַאךְ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט, אוּן דֶערְנָאךְ זָאל עֶר לֶערְנֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין, "כִּי עַל יְדֵי רִבּוּי הַלִּמּוּד, שֶׁיִּלְמַד בִּמְהִירוּת, וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה, עַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לַעֲבֹר כַּמָּה פְּעָמִים אֵלּוּ הַסְּפָרִים שֶׁלּוֹמֵד, לִגְמָרָם, וְלַחֲזֹר לְהַתְחִיל, וְלִגְמְרָם פַּעַם אַחַר פַּעַם, וְעַל יְדֵי זֶה מִמֵּילָא יָבִין וְכוּ'", וַוייל אַז מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל, קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ; מֶען אִיז זוֹכֶה אִיבֶּערְצוּגֵיין יֶעדֶע זַאךְ זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל, בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה דָאס צוּ פַארְשְׁטֵיין.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ מַיינֶע טֵייעֶרֶע לִיבֶּע בְּרִידֶער, מִיר דַארְפְן זִיךְ בַּאנֵייעֶן מִיט לִימוּד מִשְׁנַיוֹת, אַ תַּלְמִיד הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז נָאר דֶער וָואס זָאגְט פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת; מִשְׁנַיוֹת וַואשְׁט אָפּ אַלֶע עֲבֵירוֹת אוּן עֶס שְׁלֶעפְּט אַרוֹיס פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, דִי שִׂיחָה פוּן כַּךְ וְכַךְ פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן מֵיינְט לִימוּד מִשְׁנַיוֹת. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "שֶׁאֲפִילוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלַן", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר ווַייט פוּן קְדוּשָּׁה, עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלַן, אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם, וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג "כַּךְ וְכַךְ" - וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקעג): "צִי תּוֹרָה קֶען אוֹיךְ הֶעלְפְן אַזַא אֵיינֶעם וָואס אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלַן?" הָאט דֶער רֶבִּי גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אִים אוּן גֶעזָאגְט: "דוּ וֵוייסְט ווִי גְרוֹיס דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז?! תּוֹרָה אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס!" אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס פַאלְט נֶעבֶּעךְ אַרָאפּ אִין דִי הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלַן, אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג 'כַּךְ וְכַךְ', וֶועט עֶר ווערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

מֶען דַארְף נִישְׁט פַּאסְטְן אוּן מַאכְן סִיגוּפִים. מוֹהֲרָא"שׁ בְּרֶענְגְט טוֹיזְנְטֶער מָאל דִי וֶוערְטֶער וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי רֹאשׁ הַשָּׁנָה ד, ח): "כֵּיוָן שֶׁקִּבַּלְתֶּם עֲלֵיכֶם עוֹל תּוֹרָה, מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיכֶם כְּאִילוּ לֹא חֲטָאתֶם מִימֵיכֶם", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְקַבֵּל אוֹיף זִיךְ צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה רֶעכְנְט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַזוֹי ווִי עֶר הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט.

טֵייעֶרֶע לִיבֶּע בְּרִידֶער, קוּקְט נִישְׁט אוֹיף אַנְדֶערֶע; וֶוערְט נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן פוּן אַנְדֶערֶע אוּן וֶוערְט נִישְׁט מְבֻלְבָּל פוּן אַנְדֶערֶע. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, דִי עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת שְׁטֵייט בִּלְשׁוֹן יָחִיד (שְׁמוֹת כ, ב): "אָנֹכִי ה' אֱלֹקֶיךָ", אִיךְ בִּין דַיין בַּאשֶׁעפֶער, עֶס שְׁטֵייט נִישְׁט "אֱלֹקֵיכֶם", עֶנְקֶער בַּאשֶׁעפֶער; "לֹא יִהְיֶה לְךָ", עֶס זָאל נִישְׁט זַיין צוּ דִיר, אַלֶעס שְׁטֵייט בִּלְשׁוֹן יָחִיד - צוּ דִיר; דָאס וַוייזְט אוּנְז אַז מֶען קֶען נָאר מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה אוֹיבּ מֶען נֶעמְט דִי תּוֹרָה פַאר זִיךְ, מֶען קוּקְט נִישְׁט אוֹיף אַנְדֶערֶע.

אִיךְ הָאבּ נָאךְ אַסַאךְ צוּ שְׁרַייבְּן, אָבֶּער אִיךְ דַארְף אַרַיינְגֵיין צוּ דִי בָּחוּרִים; זֵיי זֶענֶען אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, קֵיינֶער אִין דִי וֶועלְט פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט קַיין בָּחוּר; אִיךְ דַארְף גֵיין פָארְלֶערְנֶען, בְּלַייבְּזְשֶׁעט מִיר גֶעזוּנְט. אַ פְרֵיילִיכְן לִיכְטִיגְן שַׁבָּת.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה יִתְרוֹ תשפ"ב)

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן וֶוען זַאכְן גֵייעֶן נִישְׁט אַזוֹי ווִי מֶען הָאט גֶעוָואלְט. אוּן דֶערְנָאךְ קוּמְט דִי מוֹיל, צוּ רֶעדְן נָאר גוּטֶע זַאכְן, צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, אוּן דִי מוֹיל אִיז דִי ווִיכְטִיגְסְטֶע פוּן אַלֶעס אוּן דָאס אִיז דִי שְׁלִיסְל צוּ אַלֶעס, מִיט דִי מוֹיל קֶען מֶען צוּקוּמֶען צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת.

וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הֶערְט אוּן זֶעט דִי גְרוֹיסְקֵייט אוּן דִי ווִיכְטִיגְקֵייט פוּן הִיטְן דִי אוֹיגְן, דִי אוֹיעֶרְן, דִי נָאז אוּן מוֹיל, קֶען עֶר וֶוערְן צוּפַאלְן, עֶס אִיז טַאקֶע זֵייעֶר גוּטֶע אוּן ווִיכְטִיגֶע זַאכְן, אָבֶּער ווִי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה דֶערְצוּ?

וֶוען אַ אִיד וֵוייסְט אָבֶּער דִי גְרוֹיסֶע כֹּחַ וָואס עֶר הָאט אִין זַיין מוֹיל, וֶועט עֶר נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֵיינְמָאל אִין נָאכְאַמָאל בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן אוּן מֶען וֶועט צוּקוּמֶען צוּ אַלֶעס וָואס מֶען קֶען נָאר צוּקוּמֶען.

דֶער פָּסוּק זָאגְט (בַּמִּדְבָּר ח, ב) "אֶל מוּל פְּנֵי הַמְּנוֹרָה יָאִירוּ שִׁבְעַת הַנֵּרוֹת" - אַלֶע לִיכְט פוּן דִי מְנוֹרָה דַארְפְן זַיין גֶעבּוֹיגְן צוּ דִי מִיטֶעלְסְטֶע. דַארְף מֶען לִכְאוֹרָה פַארְשְׁטֵיין, אַז דִי מִיטֶעלְסְטֶע לִיכְט אִיז דָאךְ גֶעשְׁטַאנֶען אִינְמִיטְן גְלַייךְ, אוּן דִי אַנְדֶערֶע זֶעקְס זֶענֶען גֶעוֶוען גֶעבּוֹיגְן צוּ אִים, וָואלְט דָאךְ גֶעדַארְפְט שְׁטֵיין "יָאִירוּ שֵׁשֶׁת הַנֵּרוֹת", נָאר זֶעקְס זֶענֶען גֶעוֶוען גֶעבּוֹיגְן?

נָאר דֶער תֵּירוּץ אִיז אַז דִי זִיבֶּעטֶע לִיכְט אִיז קֶעגְן דִי מוֹיל, אַלֶע זִיבְּן לִיכְט וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אוֹיף זַיין קָאפּ, דִי צְוֵויי אוֹיגְן, דִי צְוֵויי אוֹיעֶרְן, דִי נָאז לֶעכֶער אוּן דִי מוֹיל, אַלֶע דַארְפְן זַיין גֶעבּוֹיגְן צוּ דִי מוֹיל, אַלֶע דַארְפְן זֵיי צוּקוּמֶען צוּ דִי מוֹיל, פַאר דִי אַלֶע זַאכְן דַארְף מֶען נָאר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן אוֹיף דִי מוֹיל אַלֵיין דַארְף מֶען אוֹיךְ אַסַאךְ בֶּעטְן אַז מֶען זָאל עֶס נוּצְן נָאר צוּ גוּטְן, מֶען זָאל נוּצְן דִי מוֹיל נָאר צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ רֶעדְן צוּ אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, זֵיי אוֹיךְ מְחַזֵּק צוּ זַיין צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נִישְׁט חַ"ו פַארְקֶערְט צוּ רֶעדְן נַארִישְׁקַייטְן אוּן זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט. זֶעט מֶען פוּן דֶעם וָואסֶערֶע גֶעוַואלְדִיגֶע כּוֹחוֹת עֶס לִיגְט אִין דִי מוֹיל פוּן אַ מֶענְטְשׁ, וָואס וֶוען מֶען נוּצְט דָאס אוֹיס ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, קֶען מֶען דוּרְךְ צוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ב') אַז עֶס זֶענֶען דָא פִיר סָארְטְן וֶוערְטֶער וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען רֶעדְן, אוּן מִיט דֶעם אוֹיסְנוּצְן דִי מוֹיל דָאס בֶּעסְטֶע. דִי פִיר סָארְטְן זֶענֶען: "דִּיבּוּר שֶׁל תְּשׁוּבָה", "דִּיבּוּר שֶׁל עֲשִׁירוּת", "דִּיבּוּר שֶׁל מַלְכוּת", אוּן "דִּיבּוּר שֶׁל צְדָקָה". לָאמִיר דוּרְכְגֵיין דִי פִיר סָארְטְן דִּיבּוּרִים אוּן זֶען ווִי אַזוֹי מִיר קֶענֶען זֵיי נוּצְן.

דִּיבּוּר שֶׁל תְּשׁוּבָה - אַ אִיד דַארְף זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן שְׁטֶענְדִיג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי ווִי מֶען רֶעדְט זִיךְ דוּרְךְ מִיט אַ נָאנְטֶער פְרַיינְד. חַזַ"ל זָאגְן (שְׁמוֹת רַבָּה לח, ד) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (הוֹשֵׁעַ יד, ג) "קְחוּ עִמָּכֶם דְּבָרִים וְשׁוּבוּ אֶל ה'", אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַארְלַאנְגְט נִישְׁט פוּן אַ מֶענְטְשׁ נָאר אַז עֶר זָאל רֶעדְן צוּ אִים. וַוייל אֵיינְמָאל דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט אָנְהוֹיבְּן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן פַאר אִים, דַאן וֶועט עֶר שׁוֹין אוֹיטָאמַאטִישׁ וֶוערְן גוּט אוּן ווָאוֹיל, עֶר וֶועט שׁוֹין בַּאקוּמֶען אַלֶע גוּטֶע זַאכְן בְּרוּחֲנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת אוּן עֶר וֶועט הָאבְּן אַן עֶרְלִיךְ אוּן פְרֵיילִיךְ לֶעבְּן.

דִּיבּוּר שֶׁל עֲשִׁירוּת - אַ אִיד דַארְף זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן פָּאזִיטִיוו, צוּ קוּקְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ מִיט אַ גוּטֶע אוֹיג. שְׁטֶענְדִיג צוּ זָאגְן אַז אַלֶעס גֵייט אִים גוּט בָּרוּךְ ה', אוּן נִישְׁט זִיךְ זוּכְן אָפְּצוּרֶעדְן

<<<<<<

אוֹיף דִי זַאכְן וָואס גֵייעֶן אִים נִישְׁט גוּט. דִי מִשְׁנָה זָאגְט אִין אָבוֹת (פֶּרֶק ד׳) "אֵיזוֹהִי עָשִׁיר הַשָּׂמֵחַ בְּחֶלְקוֹ" - אַן עוֹשֶׁר אִיז אֵיינֶער וָואס אִיז פְרֵיילִיךְ מִיט וָואס עֶר הָאט. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעדֶענְקְט אוּן וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט נָאר גוּטְס, יֶעדֶע זַאךְ וָואס פַּאסִירְט צוּ אִים הָאט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן אַז אַזוֹי הָאט עֶס גֶעדַארְפְט זַיין אוּן נָאר אַזוֹי אִיז גוּט פַאר אִים, דַאן וֶועט עֶר נִישְׁט זוּכְן זִיךְ אָפְּצוּרֶעדְן, נָאר וֶוען אֵיינֶער וֶועט אִים פְרֶעגְן וָואס עֶר מַאכְט, וֶועט עֶר שְׁטֶענְדִיג עֶנְטְפֶערְן: "גֶעלוֹיבְּט אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אַלֶעס גֵייט מִיר זֵייעֶר גוּט". אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן מִיט אַ בְּרֵייטְקַייט אַז אַלֶעס אִיז אִים גוּט, דַאן וֶועט עֶס טַאקֶע וֶוערְן אַזוֹי אַז אַלֶעס וֶועט אִים זַיין גוּט.

דִיבּוּר שֶׁל מַלְכוּת - דָאס זֶענֶען דִי וֶוערְטֶער וָואס אַ אִיד דַארְף זָאגְן יֶעדְן טָאג, עֶר דַארְף דַאוֶונֶען, לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע, לֶערְנֶען תּוֹרָה, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער דִי אַלֶע מִצְוֹת וָואס מֶען דַארְף זָאגְן מִיט דִי מוֹיל. וֶוען אַ אִיד זָאגְט אַסַאךְ תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה, עֶר גֶעוואוֹינְט צוּ זַיין מוֹיל צוּ רֶעדְן נָאר גוּטֶע זַאכְן, דַאן וֶוערְט זַיין מוֹיל אַזוֹי גֶעהֵייליגְט אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וָואס הֶערְט אִים נָאר רֶעדְן, וֶוערְט אוֹיךְ נִתְעוֹרֵר צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִיבּוּר שֶׁל צְדָקָה - דִי מוֹיל דַארְף מֶען אוֹיךְ נוּצְן אוֹיף צוּ טוּן דֶערְמִיט צְדָקָה. צוּמָאל קֶען מֶען טוּן אַסַאךְ מֶער אוּן גְרֶעסֶערֶע צְדָקוֹת בְּלוֹיז מִיטְ'ן מוֹיל, אַסַאךְ מֶער פוּן וִויפִיל מֶען וָואלְט גֶעקֶענְט טוּן מִיט גֶעלְט. וֶוען מֶען זֶעט וִוי אַ צְוֵוייטֶער אִיד אִיז צוּבְּרָאכְן, יֶענֶער גֵייט דוּרְךְ שְׁוֶועריקֵייטְן; קֶען מֶען אַמָאל מִיט אֵיין גוּט וָוארְט רַאטֶעוֶוען מַמָּשׁ יֶענֶעמְ'ס לֶעבְּן. מִיט גֶעלְט קֶען מֶען נִישְׁט אֵייבִּיג הֶעלְפְן אַ מֶענְטְשׁ, נִישְׁט אֵייבִּיג אִיז יֶענֶעמְ'ס פְּרָאבְּלֶעם דָאס גֶעלְט וָואס פֶעלְט אִים, זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל קֶען עֶס זַיין אַנְדֶערֶע שְׁוֶועריקֵייטְן אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן אֲפִילוּ אוֹיב יֶענֶעמְ'ס פְּרָאבְּלֶעם אִיז טַאקֶע יָא אַז עֶס פֶעלְט אִים גֶעלְט, הָאט מֶען דָאךְ אָבֶּער נִישְׁט גֶענוּג גֶעלְט צוּ קֶענֶען אוֹיסְצָאלְן יֶעדְנְ'ס חוֹבוֹת. אָבֶּער מִיט עֶטְלִיכֶע קְלֵיינֶע וֶוערְטֶער מִיט וָואס מֶען מַאכְט פְרֵיילִיךְ אַ צְוֵוייטְן, מֶען נֶעמְט יֶענֶעם אַרוֹיס פוּן זַיין עֶנְגְשַׁאפְט אוּן צוּקְלַאפְּטְקַייט, הָאט מֶען אִים פִיל מֶער גֶעהָאלְפְן וִוי מֶען וָואלְט אִים גֶעגֶעבְּן אַסַאךְ גֶעלְט.

וֶוען אַ אִיד נוּצְט אוֹיס זַיין מוֹיל וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, וֶועט עֶר הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש חֵלֶק ט׳ עֶרֶךְ דִיבּוּר)

<<<<<< נייעס

געבן פאר נאך אידן טועם צו זיין פון דעם לויטערן קוואל פון הייליגן רבי'ן. **אינטערוויוס**, איבער 200 גאר רייכע און אינטערעסאנטע אינטערוויוס מיט פילע אידן, איבער אלץ און אלעמען. **לאנטש ברעיק**, וועכנטליכע שמועסן זיך אויסצולופטערן, מיט א ברסלב'ע געשמאק. **שיחות חברים**, די חשובע חברים מקשיבים שמועסן זיך דורך און זענען זיך מחזק אינאיינעם.

דאס איז געדעקט א גרויס חלק פונעם ליין, בנוסף צו נאך פארשידנס וואס קומט צו כסדר צום ליין. עס קומען כסדר ארייין פילע דאנק מעסעזשעס פון אידן וואס זייער לעבן איז אויפגעראכטן געווארן א דאנק דעם טעלעפאן ליניע. פון די גאר ברייטע אויסוואל פון אזויפיל אינטערעסאנטע אפטיילונגען אויפ'ן ליין, איז דא גענוג פאר יעדן איינעם צו טרעפן זיין ווינקל פון וואס ער האט די מערסטע הנאה, און וואס איז אים מחזק און געבט אים מוט צוריק צו קומען צום אייבערשטן אין אלע אומשטענדן. אויב האט איר נאכנישט אויספרובירט דעם ליין, איז יעצט די צייט דאס צו טון, איר וועט זיך מחיה זיין מיט יעדע אויסוואל באזונדער, און האבן א געוואלדיגע ניצן דערפון אין אלע אספעקטן אין לעבן.

די נומערן צו רופן קול ברסלב פון אלע געגנטער קען מען זען יעדע וואך אין די קעסטלעך ביים סוף פונעם גליון.

**שמעו ותחי נפשכם!**

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



## דַארְף מֶען מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער, אָדֶער נָאר קוּקְן אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן?

*שְׁאֵלָה:*

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער דֶעם וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן תּוֹרָה רפ"ב אַז מְ'דַארְף קוּקְן נָאר אוֹיף דִי גוּטְס פוּנֶעם צְוֵוייטְן, אוּן דַאן וֶועט דִי שְׁלֶעכְטְס שׁוֹין אַוֶועקְפַאלְן פוּן זִיךְ אַלֵיין, מְ'זָאל בִּכְלַל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטְס פוּן יֶענֶעם.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז וִוי אַזוֹי מְ'קֶען דָאס אוֹיסְפִירְן אוֹיף לְמַעֲשֶׂה אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי קִינְדֶער, לְמַעֲשֶׂה דַארְף מֶען זֵיי דָאךְ מְחַנֵךְ זַיין אוֹיף תִּיקוּן הַמִּדוֹת, כַּשְׁרוּת אוּן צְנִיעוּת אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, זָאל מֶען זָאגְן אַז מְ'זָאל גָארְנִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטְס וָואס זֵיי טוּעֶן, אוּן נָאר זִיךְ מִתְבּוֹנֵן זַיין אִין דִי גוּטְס? אִיז דָאס גֶענוּג אַז זֵיי וֶועלְן שׁוֹין אַלֵיין וֶוערְן גוּט? אָדֶער דַארְף מֶען זֵיי יָא מְעוֹרֵר זַיין זִיךְ צוּ פִירְן אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג? אוּן אוֹיבּ יָא, וִוי אַזוֹי שְׁטִימְט דָאס מִיט דִי דֶערְמַאנְטֶע תּוֹרָה?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ

יוֹם א׳ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי-ב, כ"ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג פֶּסַח, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

עֶס אִיז דָא אַ טָעוּת וָואס מֶענְטְשְׁן מַאכְן, מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז מֶען הָאט צַייט צוּ מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער וֶוען זֵיי וֶוערְן עֶלְטֶער; דָאס אִיז אַ טָעוּת, חִינוּךְ הֵייבְּט זִיךְ אָן וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען קְלֵיין. עֶלְטֶערְן וָואס גֶעבְּן אַכְטוּנְג אוֹיף זֵייעֶרֶע קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ קְלֵיין, מֶען אִיז זֵיי מְחַנֵךְ צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען אוּן אוֹיף קִיוּם הַמִּצְוֹת, דִי קִינְדֶער וֶועלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן. בִּפְרַט מֵיידְלֶעךְ וָואס זֵיי דַארְפְן מֶער שְׁמִירָה, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנְחוּמָא נָשֹׂא, י׳): אוֹיפְן פָּסוּק (בַּמִּדְבָּר ו, כד): "יְבָרֶכְךָ ה׳ וְיִשְׁמְרֶךָ", "יְבָרֶכְךָ בְּבָנִים", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר בֶּענְטְשְׁן מִיט קִינְדֶער, "וְיִשְׁמְרֶךָ בְּבָנוֹת", אוּן דִיר אָפְּהִיטְן מִיט דַיינֶע מֵיידְלֶעךְ; וַוייל מֵיידְלֶעךְ דַארְפְן הָאבְּן מֶער שְׁמִירָה וִוי זִין; אוֹיבּ מֶען גֶעבְּט נִישְׁט אַכְטוּנְג וֶוען זֵיי זֶענֶען קְלֵיין זֵיי זָאלְן גֵיין בִּצְנִיעוּת וֶועט שְׁפֶּעטֶער זַיין אַבִּיסֶעלֶע צוּ שְׁפֶּעט.

בַּיים הֵיילִיגְן סַאטְמַארֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אַמָאל אַרַיינְגֶעקוּמֶען אַ קְלֵיינֶע מֵיידֶעלֶע מִיט קוּרְצֶע עֶרְמְל, וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזֶען הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט: "וֶועמֶענְס אִיז זִי?" הָאט מֶען גֶערוּפְן אֵיינֶע פוּן דִי גַבָּאִים אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים פָארְגֶעהַאלְטְן: "הֲיִתָּכֵן דוּ לָאזְט דַיין מֵיידֶעלֶע גֵיין מִיט קוּרְצֶע עֶרְמְל? עֶס אִיז נִישְׁט קַיין צְנִיעוּת!" הָאט דֶער אִיד גֶעעֶנְטְפֶערְט: "רֶבִּי, זִי אִיז נָאךְ אוּנְטֶער דְרֵיי יָאר", הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "אִיךְ ווִיל נִישְׁט הֶערְן קַיין תֵּירוּצִים, מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף צְנִיעוּת"; אוֹיבּ מֶען גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף דִי קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג, וַואקְסְן דִי קִינְדֶער אוֹיף עֶרְלִיךְ, אָבֶּער אַז מֶען לָאזְט דִי קִינְדֶער גֵיין וִוי אַזוֹי זֵיי גֵייעֶן אוּן מֶען זָאגְט זֵיי גָארְנִישְׁט, מֶען פַארֶענְטְפֶערְט זִיךְ: 'זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג', וֶועט מֶען שְׁפֶּעטֶער גָארְנִישְׁט קֶענֶען טוּן.

קִינְדֶער דַארְף מֶען מְחַנֵךְ זַיין אוּן אוֹיבּ מֶען אִיז זֵיי נִישְׁט מְחַנֵךְ וֶועלְן זֵיי אַרוֹיסְגֵיין לְתַרְבּוּת רָעָה, אַזוֹי וִוי שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי יג, כד): "חוֹשֵׂךְ שִׁבְטוֹ שׂוֹנֵא בְנוֹ, וְאֹהֲבוֹ שִׁחֲרוֹ מוּסָר" וֶוער עֶס הָאט לִיבּ זַיין קִינְד זָאגְט אִים מוּסָר, אוּן וֶוער עֶס זָאגְט נִישְׁט קַיין מוּסָר אִיז אַ סִימָן אַז עֶר הָאט פַיינְט זַיין קִינְד.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שְׁמוֹת רַבָּה א, א): וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט מְחַנֵךְ זַיין קִינְד וֶועט דָאס קִינְד אַרָאפְּגֵיין פוּן אִידִישְׁן וֶועג. אַזוֹי וִוי מִיר זֶעעֶן בַּיי אַבְרָהָם אָבִינוּ; עֶר הָאט גֶעזֶען וִוי יִשְׁמָעֵאל קוּמְט אַהֵיים מִיט אַ גֶעטְשְׁקֶע אוּן שְׁפִּילְט זִיךְ מִיט עֲבוֹדָה זָרָה'ס, אָבֶּער עֶר הָאט אִים גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט וַוייל עֶר הָאט אִים גֶעשׁוֹינְט, בִּיז עֶר הָאט אִים גֶעדַארְפְט פַארְטְרַייבְּן פוּן שְׁטוּבּ כְּדֵי עֶר זָאל נִישְׁט קַאלְיֶע מַאכְן זַיין בְּרוּדֶער יִצְחָק. אַזוֹי אוֹיךְ אִיז גֶעוֶוען מִיט עֵשָׂיו; עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה (בְּרֵאשִׁית כה, כח): "וַיֶּאֱהַב יִצְחָק אֶת עֵשָׂו, כִּי צַיִד בְּפִיו", יִצְחָק הָאט לִיבּ גֶעהַאט עֵשָׂו אוּן אִים גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט, צוּם סוֹף אִיז עֶר אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה; זֶעט מֶען פוּן דֶעם, אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט נִישְׁט קַיין מוּסָר פַאר זַיינֶע קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג וֶועט עֶר חֲרָטָה הָאבְּן שְׁפֶּעטֶער.

עֶס אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט נָאכְקוּקְן דִי מֶדְרָשׁ (פַּרְשַׁת שְׁמוֹת - רַבָּה א, א; תַּנְחוּמָא א), וֶועסְטוּ זֶען וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה רֶעכֶענֶען אוֹיס נָאךְ מַעֲשִׂיּוֹת. חֲזַ"ל דֶערְצֵיילְן פוּן אַבְשָׁלוֹם אוּן זַיין בְּרוּדֶער אֲדוֹנִיָּה

<<<<<<

BreslevCenter.com\answers

וָואס זֵייעֶר טָאטֶע דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט זֵיי נִישְׁט גֶעזָאגְט קַיין מוּסָר און וָואס עֶס אִיז צוּם סוֹף גֶעשֶׁעְן מִיט זֵיי. אָבֶער דִי קִינְדֶער וָואס מֶען אִיז מְחַנֵךְ, זֵיי וַואקְסְן אוֹיס גְרוֹיסֶע צַדִיקִים; אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט מְחַנֵךְ גֶעוֶוען יִצְחָק, יִצְחָק הָאט מְחַנֵךְ גֶעוֶוען יַעֲקֹב און אַזוֹי וַוייטֶער, דוּרְכְדֶעם זֶענֶען זֵיי גֶעוָוארְן גְרוֹיסֶע צַדִיקִים, און מֶען הָאט גֶעהַאט פוּן זֵיי אַסַאךְ נַחַת.

זַיי מִיר מוֹחֵל אָבֶער אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט וָואס דוּ פְרֶעגְסְט; וָואס הָאט אֵיינְס מִיטְן צְוֵוייטְן, וָואס הָאט חִינוּךְ הַבָּנִים מִיט דַן זַיין לְכַף זְכוּת? פַארְקֶערְט, אוֹיב מֶען אִיז דַן אַ צְוֵוייטְן לְכַף זְכוּת, מֶען קוּקְט אִים נִישְׁט אָן וִוי אַ רָשָׁע, דֶעמָאלְט קֶען מֶען יֶענֶעם צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רפב): "דַע כִּי צָרִיךְ לָדוּן אֶת כָּל אָדָם לְכַף זְכוּת, וַאֲפִלּוּ מִי שֶׁהוּא רָשָׁע גָּמוּר, צָרִיךְ לְחַפֵּשׂ וְלִמְצֹא בּוֹ אֵיזֶה מְעַט טוֹב, שֶׁבְּאוֹתוֹ הַמְּעַט אֵינוֹ רָשָׁע, וְעַל יְדֵי זֶה שֶׁמּוֹצֵא בּוֹ מְעַט טוֹב, וְדָן אוֹתוֹ לְכַף זְכוּת, עַל יְדֵי זֶה מַעֲלֶה אוֹתוֹ בֶּאֱמֶת לְכַף זְכוּת, וְיוּכַל לַהֲשִׁיבוֹ בִּתְשׁוּבָה", אַז מֶען קוּקְט גוּט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, מֶען זוֹכְט אִין יֶענֶעם אַבִּיסְל גוּטְס דוּרְכְדֶעם קֶען מֶען יֶענֶעם צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים לז, י): "וְעוֹד מְעַט וְאֵין רָשָׁע, וְהִתְבּוֹנַנְתָּ עַל מְקוֹמוֹ וְאֵינֶנּוּ", אַז דוּ וֶועסְט טְרֶעפְן אִין אִים 'עוֹד מְעַט וְאֵין רָשָׁע' - אַבִּיסְל גוּטְס וָואס אִין דֶעם פְּרַט אִיז עֶר נִישְׁט קַיין רָשָׁע, דֶעמָאלְט: 'וְהִתְבּוֹנַנְתָּ עַל מְקוֹמוֹ וְאֵינֶנּוּ', וֶועט עֶר שׁוֹין נִישְׁט בְּלַייבְּן בַּיי זַיינֶע אַלְטֶע מַעֲשִׂים, נָאר עֶר וֶועט זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ - זָאגְט דֶער רֶבִּי - אִיז מִיט זִיךְ אַלֵיינְס; דִי סִיבָּה פַארְוָואס אַ מֶענְטְשׁ טוּט שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים אִיז ווייל עֶר טְרַאכְט: 'אִיךְ בִּין דָאךְ שׁוֹין סֵיי וִוי אַ רָשָׁע, אִיךְ קֶען זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט אוּמְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן', אָבֶער אַז מֶען טְרֶעפְט אִין זִיךְ אַבִּיסְל גוּטְס, דֶעמָאלְט קֶען מֶען זִיךְ שׁוֹין צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶערִיבֶּער פַארְשְׁטֵיי אִיךְ נִישְׁט וָואס אִיז דִי סְתִירָה פוּן חִינוּךְ און דַן זַיין לְכַף זְכוּת; פַארְקֶערְט אַז מֶען קוּקְט גוּט אוֹיף דִי קִינְדֶער, מֶען הָאט רַחֲמָנוּת אוֹיף זֵיי, דֶעמָאלְט קֶען מֶען שֵׁיין רֶעדְן צוּ זֵיי, דֶעמָאלְט קֶען מֶען זֵיי מְעוֹרֵר זַיין זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען און דַאוֶונֶען און גֵיין אָנְגֶעטוּן בִּצְנִיעוּת וְכוּ'.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט**
**הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֵצָתוֹ אֱמוּנָה שְׁמִינִי-ב תשע"ח)

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **יוסף חיים מזרחי** הי"ו
**צו די שמחת בר מצוה פון זיין זון למזל טוב**
הבחור החשוב **אליעזר שלמה** נ"י

***

מו"ה **שמשון הערש טייטלבוים** הי"ו
**צו די אפשערן פון זיין זון נחמן נתן נ"י למזל טוב**

## זייט מתפלל!

פאר ר' **יצחק בן פייגלא**
**פאר א גאנצע און שנעלע רפואה בקרוב**

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'
## צענדליגע טויזנטער אידן זענען זיך מחי' מיט "קול ברסלב"

די ליניעס פונעם טעלעפאן ליין "קול ברסלב" ווערן פארפלייצט טאג טעגליך מיט צענדליגע טויזנטער רופן פון איבער די גאנצע וועלט, פון אידן וועלכע ווילן שעפן חיזוק און עצות פון הייליגן רבי'ן. די פילע אפטיילונגען אויפ'ן ליין, די פילע דרשות, שיעורי תורה, שיעורי התחזקות, ניגונים, פערזענליכע געשיכטעס, מעשיות פון תפלה, און נאך פיל מער, זענען א קוואל פון לעבן פאר אזויפיל אידן וואס זוכן אביסל ליכטיגקייט און ווארעמקייט, זיך צו דערנענטערן צום אייבערשטן און צו מצליח זיין אין לעבן ברוחניות ובגשמיות.

ביים אריינרופן דעם ליין דרוקט מען 1 פאר אידיש, און דערנאך קען מען הערן אויף נומער 0 אלע פרישע זאכן וואס ווערן טעגליך ארויפגעלייגט אויפ'ן ליין.

**נומער 1 - טעגליכע קורצע דברי חיזוק פאר'ן טאג.** חיזוק יומי פונעם ראש ישיבה שליט"א און פון מוהרא"ש ז"ע, דאס איז די מערסט אויפגעכאפטע קנעפל אויפ'ן סיסטעם, נישט יעדער האט צייט צו הערן לאנגע שיעורים, אבער טויזנטער אידן זענען זיך מחי' מיט די צוויי דריי מינוט חיזוק, דאס געבט זיי די כוחות אנצוהויבן יעדן טאג מיט א פרישקייט.

אונטער נומער 1 געפונט זיך אויך די קנעפלעך אנצוקומען שנעל צו די לעצטיגע שיעורים, ווי אויך געפונט זיך דארט די אפטיילונג פון "עניני דיומא", וואו מ'קען הערן א גרויסע אויסוואל פון שיעורים, שמועסן, מעשיות, און נאך, איינגעטיילט לויט די ימים טובים און יומי דפגרא.

**נומער 2, שיעורים פון ראש ישיבה שליט"א.** גאר א רייכע אויסוואל פון שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א, איינגעטיילט לויט די יארן, טעגליכע און וועכנטליכע חיזוק שיעורים, מועדים וזמנים, שיעורים אין משניות, גמרא בבלי און ירושלמי, שיעורים אויף גאנץ נ"ך, משנה תורה להרמב"ם, פארגעליינטע בריוו, חיזוק קאלס, און נאך גאר פיל. די שיעורים האבן שוין אויפגעראכטן אזויפיל אידן איבער די גאנצע וועלט, וועלכע האבן דארט געפונען זייער סיפוק אין לעבן, א מהלך החיים מיט'ן אייבערשטן וואס איז געאייגנט פאר יעדן איינעם מקטן ועד גדול, אין אלע תחומים אין לעבן.

**נומער 3, שיעורים פון מוהרא"ש ז"ע.** א ריזיגער אויסוואל פון שיעורים פון מוהרא"ש ז"ע, איינגעטיילט אויף די פרשיות השבוע און מועדים וזמנים, א קוואל פון שפרודלדיגע וואסער וואס שטילט דאס דארשט פון אידן הצמאים לדבר ה', די דיבורים זענען מחי' און מחזק אין אלע אומשטענדן.

**נומער 4, פארשידענע שיעורים.** וועכנטליכע שיעורים פון הרה"צ מוה"ר יצחק לעזער שליט"א, מיט וואס פילע אידן זענען זיך מחי' און מחזק. ווי אויך דער **חינוך אפטיילונג**, לענגערע און קורצע שיעורים אין חינוך, ווי אויך א **מלמדים שטיבל**, וואו מלמדים שמועסן זיך דורך מיט עצות און טיפס ווי אזוי זיך אפצוגעבן מיט די קינדער אויפ'ן ריכטיגן וועג, זיי אויפצובויען צו ווערן אמת'דיגע ערליכע אידן.

**נומער 5, היכל נגינה.** פילע הונדערטער ערליכע ניגונים אויף אידיש, ווארעמע און לעבעדיגע, נוסח און גראמען, מיט אדער אן מוזיק, צוגעפאסט פאר יעדנ'ס געשמאק. ניגונים פון אמונה און תשובה, וואס הערן זיך אזוי געשמאק צום אויער, און רעדן צום הארץ פון יעדן איד, צוריק צו קומען צום אייבערשטן פון סיי וואו מ'געפונט זיך נאר. אויך קען מען דארט הערן פארגעזינגען דער נוסח ברסלב פון די תפילות ימים נוראים, ווי אויך מגילת אסתר, זיך צו קענען אויסלערנען ליינען די מגילה.

**נומער 6, שיעורים ובלכתך בדרך.** זייענדיג אונטערוועגנס, קען מען נוצן דעם קנעפל מיטצוזאגן א גרויסער אויסוואל פון שיעורים כסדרן. ספר תהלים, ששה סדרי משנה, חומש, בי"ת נצחי - בבלי ירושלמי און תוספתא, תיקון הכללי, תפלת הדרך, פרשת המן. דער נומער ווערט כסדר אפדעיטעט מיט פרישע שיעורים. פילע אידן באנוצן זיך מיט דעם קנעפל צו קענען לערנען זייערע שיעורים זייענדיג אויף די וועגן און שטעגן.

**נומער 7, פאמיליע ווינקל. מעשיות פון תפלה,** אידן דערציילן זייערע פערזענליכע געשיכטעס ווי אזוי זיי זענען געהאלפן געווארן דורכ'ן בעטן דעם אייבערשטן אויף אידיש אלעס וואס זיי האבן געדארפט. **ספורי מעשיות**, דער ראש ישיבה שליט"א דערציילט די מעשיות פון הייליגן רבי'ן, באגלייט מיט מוזיק, פון וואס די קינדער האבן גאר שטארק הנאה. **ספורי צדיקים**, א ריזן אויסוואל פון הונדערטער ספורי צדיקים דערציילט פאר קינדער דורך חשובע ערפארענע מלמדים. **הפצה בליצן**, פערזענליכע געשיכטעס וואס אידן דערציילן איבער זייערע מיטלעבענישן ביים טון הפצה, צו

<<<<<<

## בלייב פריילעך

**דער קונץ איז צו בלייבן פריילעך אפילו ווען זאכן גייען נישט גלאטיג; ווי אזוי באווייזט מען דאס אבער?**

**קול ברסלב**
**212-444-9191**
**1, 2, 1, 8, 1, 91**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו
**347-509-4908**
און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**